אַזוי וועט אויך זיין לעתיד לבוא, ווען עס וועט זיך אויספירן די כוונה עליונה פון דירה בתחתונים — דירה לעצמותו, וואָס מצד עצמות וועלן נתחבר ווערן די צוויי הפכים פון גשמיות מיט רוחניות, אַז עס וועט זיין „ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר", אַז דער בשר הגשמי וועט זען אלקות, און דאָס וועט ביי אים זיין בהתיישבות.

ויש לומר, אַז דאָס איז דער פירוש הפנימי פון דעם צמח צדק'ס וואָרט „גם מזקיני נ"ע שמענו עתידות": מיטן וואָרט „עתידות" איז ער דאָ מרמז אויך אויף די גילויים דלעתיד.

און דאָס אַלץ האָט דער אלטער רבי אַריינגעשטעלט אין חסידות חב"ד: דורך לערנען חסידות „נעמט מען" די העכסטע ענינים ביז צום „אור הגנוז" און נאָך העכער, און דאָס קומט אין שכל פון נפש האלקית — אין אַן אופן פון התיישבות אור בכלי — ביז צו הבנת שכל פון נפש הבהמית, ביז עס וועט זיין „ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר" אפילו, בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

(משיחת ח"י אלול תשי"ז)

# נצבים

א. ס'איז ידוע [1]) וואָס דער אלטער רבי האָט געזאָגט וואָס ער האָט געהערט פון מגיד אין נאָמען פון דעם בעש"ט נ"ע (אַ טעם אויף דעם וואָס מען בענטשט ניט דעם חודש תשרי אין דעם שבת שלפניו, אַזוי ווי אַלע חדשי השנה), וז"ל: „החדש השביעי שהוא החדש הראשון לחדשי השנה [2]), הקב"ה בעצמו מברכו בשבת מברכים שהוא השבת האחרון דחדש אלול, ובכח זה ישראל מברכים את החדשים [3]) י"א פעמים בשנה, כתיב אתם נצבים היום, דהיום קאי על ר"ה [4]) שהוא יום הדין, וכמ"ש [5]) ויהי היום וגו' ותרגם והוה יום דינא רבא, ואתם

---

ובא על ידי רבינו בהתלבשות בהשגה שבזה נמשך עצם פנימיות התורה" (ד"ה פדה בשלום תרפ"ה, בשם אביו כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע, יט כסלו עטר"ת (נדפס בסוף סה"מ עטר"ת (קה"ת, תשמ"ח) ע' תרעג)). — ועניין גילוי הבעש"ט וההמ"מ היו הכנה לגילוי עצם פנימיות התורה שנתגלה על ידי רבינו הזקן — בדוגמת עבודת האבות (ריחות) שהיו הכנה לגילוי העצמות דמתן תורה (משיחת כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע ליל ש"ק פ' תשא שנת תפר"ח — סה"מ תפר"ח ע' רא ואילך).

1) קובץ מכתבים א, נדפס בסו"ס תהלים אהל יוסף יצחק ע' 193. „היום יום" כה אלול.

2) לשון הכתוב (שמות יב, ב). אבל הפירוש משתנה, כי כאן ההדגשה בתיבת השנה, כמובן. ובכ"מ מצינו לשון אחד בכוונות מתחלפות — ראה תוד"ה אדם (חולין סח, א. וצע"ק בתוד"ה אלימא קדושין מח, א) ובמקומות שהובאו ביד מלאכי כלל שעד. שדי חמד כללים ל, צח.

3) ענין זה אשר הכח לברכת החדש ע"י ישראל הוא בא מברכת החדש של הקב"ה מרומז (ככל הענינים דפנימיות התורה) גם בנגלה והוא בפסיקתא דר"כ פ"ה: „עד שלא יצאו ישראל ממצרים, הי' הקב"ה יושב ומחשב חשבונות.. ומחדש את החדשים כיון שיצאו ישראל ממצרים מסרן להם.. מכאן ואילך הרי הם מסורים לכם". דלשון „מסרן" „מסורים" משמע שמוסר להם את הכח של קידוש החדשים, שהי' הקב"ה מקדשם. וראה במג"א (שו"ע או"ח סתי"ז, סק"א) שברכת החדש דעכשיו שייכת לקידוש החדש דב"ד. — וראה לקו"ש ח"ט ע' 187 ואילך.

4) ראה פענח רזא ס"פ נצבים. לקו"ת ר"פ נצבים.

5) איוב ב, א.

נצבים קיימים ועומדים[6], והיינו שזו־כים בדין, ובשבת שלפני ר"ה שהוא השבת האחרון דחדש אלול קורין אז פרשת אתם נצבים[7], דזהו ברכתו של הקב"ה, בשבת מברכים חדש השביעי שהוא המושבע והמשביע[8] ברוב טוב לכל ישראל על כל השנה" (דעם זיבעטן חודש, וואס ער איז דער ער־שטער חודש פון די חדשי השנה, בענטשט אים דער אויבערשטער אליין אין שבת מברכים, וואס ער איז דער לעצטער שבת פון חודש אלול, און מיט דעם כח בענטשן אידן די חדשים עלף מאל אין יאר. עס שטייט „אתם נצבים היום", וואס „היום" גייט עס אויף ראש השנה וואס ער איז דער יום הדין כו' און „אתם נצבים — קיימים ועומדים", ד.ה. אז זיי זיינען זוכה בדין. און אין שבת וואס פאר ראש השנה, וואס ער איז דער לעצטער שבת פון חדש אלול, לייענט מען דאן פ' אתם נצבים, וואס דאס איז די ברכה פון דעם אויבערשטן אין דעם שבת מברכים פון „חדש השביעי", וואס ער איז דער „מושבע" און דער „משביע" (דער זאטער און דער וואס מאכט זאט) ברוב טוב לכל ישראל אויף א גאנץ יאר).

די מפרשי התורה טייטשן די פסוקים „אתם נצבים גו' לעברך בברית גו'", אז משה רבינו האט אריינגעבראכט אידן אין ערבות, אז איין איד זאל זיין ערב און פאראנטווארטלעך פאר א צווייטן אידן — „כל ישראל ערבים זה בזה". דארף מען פארשטיין א) דעם קישור פון דעם פירוש מיטן פירוש הבעש"ט[9]. ב) מיר געפינען[10], אז הגם די ערבות איז געקומען דורך דער כריתת ברית וואס משה רבינו האט דאן געמאכט מיט די אידן, איז אבער די ערבות בפועל ממש (אין כמה פרטים) האט זיך אנגעפאנגען ערשט מיט זייער אריינקומען אין ארץ ישראל. פארוואס האט זיך די ערבות ניט אנגעהויבן בפועל שוין גלייך ביי דער כריתת ברית?

ב. בכדי דאס צו פארשטיין דארף מען פריער מבאר זיין א כללות'דיקן ענין אין דער ערבות פון אידן איינער פארן צווייטן:

על פי שכל איז דער ענין פון ערבות אז דער גרעסערער (בנוגע דעם פרט אין וועלכן עס פאדערט זיך זיין ער־בות) ווערט אן ערב פאר א קלענערן פון אים. ווי לדוגמא ערבות ביי געלט־זאכן: בשעת מען האט צו טאן מיט אן עני און מען פארלאזט זיך ניט אויף אים אז ער וועט האבן מיט וואס צו באצאלן, פארלאנגט מען דאן די ערבות פון אן עשיר. עס האט אבער ניט קיין ארט אין שכל, אז א קלענערער זאל זיין ערב פאר א גרעסערן פון אים. דער כלל אבער פון „ישראל ערבים זה בזה" איז, אז יעדער איד, אפילו א קטן שבקטנים (במדריגה), איז ערב פאר יעדער אידן, אפילו פאר דעם גדול שבגדולים (וואס דערפאר איז דאך דער דין, אז מיט ברכת המצוות איז יעדער איד, אפילו א קטן ופחות בישראל — הגם ער אליין האט שוין יוצא געווען — קען ער מוציא זיין א צווייטן אידן מיט דער ברכה, אויך

---

6) ראה תנחומא ר"פ נצבים.

7) תוד"ה קללות שבת"כ מגילה לא, ב. שו"ע או"ח סתכ"ח, ס"ד. לקו"ת ר"פ נצבים.

8) ראה ויק"ר פכ"ט, ח. קיצורים והערות לתניא ע' נח.

9) ראה לקו"ש ח"ג ע' 782.

10) סנהדרין מג, ב.

ווען יענער איז אַ סך גרעסער פון אים, וויל „כל ישראל ערבים זה בזה"[11]).

ג. אויפן פסוק „אתם נצבים גו' כלכם", זאָגט דער אַלטער רבי[12]), אַז אַלע אידן זיינען אַ „קומה אחת שלימה" (איין גאַנצע געשטאַלט). און פונקט ווי אין דעם מענטשלעכן קערפּער איז פאַראַן אַ געוויסע מעלה אין די פּיס אויף דער קאָפּ און ס'איז ניט פאַראַן קיין שלימות אין ראש אָן די רגלים, אַזוי איז אויך ביי דער „קומה" פון כל ישראל: אויך דער איד פון דעם נידעריקען סוג, „חוטב עציך ושואב מימיך", האָט אַ מעלה אויף די אידן פון דעם סוג „ראשיכם", זיי מוזן אָנקומען צו די „חוטב עציך ושואב מימיך" און האָבן ניט קיין שלימות אָן זיי.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין ווי „כל ישראל ערבים זה בזה", ווייל יעדער איד איז אַ ראש און איז העכער, אין אַ געוויסן פרט, און צוליב אָט־דעם פרט דאַרפן כל ישראל אָנקומען צו זיין ערבות.

ד. ווען דער אַלטער רבי איז מבאר, אין דעם אויבנדערמאָנטן מאמר, די אחדות פון אַלע אידן, ברענגט ער דעם פסוק „בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל", און ער פאַרטייטשט „שכולם מתאספים יחד להיות לאחדים כאחד" (אַז זיי אַלע פאַרזאַמלען זיך צוזאַמען צו זיין פאַראייניציקט ווי איינס). און ער איז דאָס מבאר מיט דעם משל פון אברי גוף האדם, אַז יעדער אבר האָט אַ מעלה וואָס צוליב איר דאַרף דער צווייטער אבר אָנקומען צו אים; אַזוי האָט אויך יעדער איד אַ מעלה אויפן צווייטן און דעריבער „וכולם צריכין זה לזה" (זיי אַלע דאַרפן אָנקומען איינער צום אַנדערן), און דאַן לייגט ער אויך צו די ווערטער „כל ישראל קומה אחת שלימה".

דער לשון פון אַלטן רבי'ן איז זיכער בדיוק, און זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז ביי אים זיינען ניטאָ קיין איבעריקע ווערטער. אין פסוק שטייט דער לשון „יחד", און דער אַלטער רבי באַנוגנט זיך ניט מיטן וואָרט „יחד" און ער איז מוסיף „להיות לאחדים", און אויך דערמיט איז ער זיך ניט מסתפק און ער לייגט נאָך צו דעם וואָרט „כאחד". און דאָס איז ער מסביר מיט צוויי אַלגעמיינע הסברים: א) „וכולם צרי־כין זה לזה", ב) „כל ישראל קומה אחת שלימה".

קען מען עס מבאר זיין: אין דער התאחדות פון אידן זיינען פאַראַן פאַרשידענע מדריגות: „יחד" (וועלכע שטייט בפירוש אין פסוק); „לאחדים" און „כאחד". און די צוויי מדריגות — „לאחדים" און „כאחד" — וועלכע דער אַלטער רבי איז מוסיף, איז ער מבאר מיט די צוויי הסברים: „וכולם צריכין זה לזה" — אַ ביאור אויף „לאחדים"; „כל ישראל קומה אחת שלימה" — אַ ביאור אויף „כאחד".

דער פשוט'ער אָפּטייטש פון דעם וואָרט „יחד" איז „צוזאַמען", אַ צונויפ־זאַמלונג פון פאַרשידענע זאַכן, וועלכע קומען זיך צונויף צוליב אַ געוויסן צוועק. די זאַכן אַליין זיינען פאַרשי־דענע און אָפּגעטיילט איינע פון דער צווייטער; זיי האָבן ניט קיין איינער־לעכע שייכות צווישן זיך, ס'איז בלויז וואָס זיי זיינען צונויפגעזאַמלט צו־זאַמען. דעריבער לייגט צו דער אַלטער רבי „לאחדים כאחד", אַז די התאחדות פון אידן איז ניט בלויז וואָס אַלע

11) רש"י ד"ה אע"פ שיצא ר"ה כט, סע"א. שו"ע אדה"ז סקצ"ז, ס"ו.
12) לקו"ת ר"ס נצבים.

קומען זיך צוזאַמען און פאַרבינדן זיך אין איין אגודה צוליב אַ צוועק, צוליב „לעשות רצונך בלבב שלם", נאָר זיי האָבן צווישן זיך אַ אינערלעכן פאַר־בונד, וואָס אין דעם גופא זיינען פאַראַן צוויי אַלגעמיינע מדריגות: „לאחדים" און „כאחד".

„לאחדים" איז דער טייטש — פאַר־איינציקט. ס'איז ניט בלויז וואָס זיי זיינען געקומען אין איין אָרט צוליב איין צוועק, אָבער צוליב זייער פאַר־שידנקייט, צוליב דעם ענין הפרטי פון יעדן איינעם, זיינען זיי באַזונ־דערע זאַכן (אַזוי ווי דער פשוט'ער טייטש פון יחד), נאָר אויך, אַז זייערע פאַרשידענע פרטים זיינען צווישן זיך פאַרבונדן, וואָרום יעדערנס ענין פרטי ווערט נשלם דורכן צווייטן. און דאָס איז דער אַלטער רבי מבאר — ווייל „וכולם צריכין זה לזה".

דאָך איז אויך „לאחדים" (לשון רבים) — אַ התאחדות פון מערערע (אפילו בשעת דעם צונויפקומען) זאַכן. זאָגט ער נאָך מער „כאחד": זיי ווערן ווי איין זאַך: די פאַראייניקונג פון די באַזונדערע זאַכן — מאַכט פון זיי אַ „קומה אחת", איין קערפּער. דער פאַרבונד פון אַלע אברי האדם באַשטייט ניט בלויז אין דעם וואָס זיי דאַרפן אָנקומען איינער צום צווייטן, נאָר זיי זיינען איין זאַך, ווייל יעדער אבר מיט אַלע זיינע פרטים איז אַ טייל פון דעם מענטשן; ער האָט ניט אין זיך קיין אייגענעם, באַזונדערן איינ־האַלט מחוץ פון דעם וואָס ער איז אַ חלק פון גוף האדם, ובמילא זיינען זיי דאָך אַלע איין זאַך — „כאחד" [13].

ה. לכאורה איז ניט מובן: וויבאַלד אַז דער אַלטער רבי איז דאָ מבאר דעם „כאחד", ווי אַלע אידן זיינען אַ „קומה אחת שלימה", וואָס אָט־די התאחדות איז דאָך אַ סך טיפער ווי די התאחדות פון „לאחדים" — איז צוליב וואָס דאַרף ער אויך זאָגן „לאחדים" און מבאר זיין אַז „כולם צריכין זה לזה", און נאָך מאריך זיין דעם ביאור המשל פון ראש און רגלים?

מוז מען זאָגן אַז ס'איז אויך דאָ אַ מעלה אין „לאחדים" אויף „כאחד": כאָטש אַז אַלע אברים צוזאַמען זיינען איין קערפּער, פונדעסטוועגן איז די שלימות פון אַ קערפּער דוקא דורך דעם וואָס ער האָט אין זיך פאַרשידענע רמ"ח אברים, און אויב עס וואָלט אין אים געפעלט דער ענין פּרטי פון איין אבר, וואָלט ער דאָן ניט געווען קיין גוף שלם [14]. און וויבאַלד אַז די אב־רים מוזן האָבן די פאַרשידנקייט פון איין אבר לגבי דעם צווייטן, איז דאָ אַ מעלה אין „לאחדים" אויף „כאחד". „כאחד" מיינט אַז דער תוכן הפנימי פון אַלע אברים איז איינער; דער עיקר ענין פון יעדן אבר איז ניט דאָס

13) דוגמת ב' בחינות אלו והתכללות שב„היום" דראש השנה, ישנה בהד' מינים דחגה"ס („יום חגינו" המגלה את ה„בכסא"): כל אחד מד' המינים בפ"ע מורה על האחדות (נת' בד"ה וככה תרל"ז סעיף פז), וכל ד' המינים (ביחד דוקא) — הם מצוה אחת.

14) כי האדם הוא בריאה התיכונית שכלול מהעליונים ומהתחתונים, תכלית העילוי ותכלית הירידה, ולכן צריך להיות בו ראש ורגל (ראה המשך ר"ה תש"ב ס"ח). — ומצד זה, צורך האדם לכחות ואברים התחתונים הוא מצד הפחיתות שבהם, דשלימות האדם הוא שכלול גם מהתחתונים (ובדוגמת הטעם לזה שגוף האדם הוא מבחי' דומם היותר גמוּר, שבזה דוקא מתבטאת מעלת נשמתו, דכל הגבוה ביותר יורד למטה יותר (תו"א בראשית ד, א. זה היום השי"ת (בסה"מ תש"י) ס"ב)). ומצד זה שברגלים מתבטאת שלימות העצמית דאדם, (מצד פחיתותם), נעשה בהם מעלה גם בענין הגילויים — שהם מעמידים את הראש.

אין וואָס ער איז אַנדערש פון אַ צווייטן אבר, נאָר דאָס וואָס ער איז אַ טייל פון דעם גוף האדם, אָבער עס הערט זיך ניט אָן אַז אויך אין זייער חיצוניות (וואָס דאָס בלייבט דאָך פאַרשידן און אָפּגעטיילט) — זיינען זיי פאַרבונדן צווישן זיך. אָבער „לאחדים" מיינט, אַז אויך אין חיצוניות זיינען די ענינים פרטים — אין וואָס די אברים זיינען אַנדערש איינע פון די אַנדערע — צווישן זיך פאַרבונדן און זיינען משלים איינער דעם צווייטן[15].

און בעיקר איז דער אַלטער רבי מאריך אין „לאחדים", וואָרום אין דעם באַשטייט דער עיקר העבודה[16]: יעדער איד ווי ער שטייט אין זיין מציאות הפרטית, אַ נשמה אין אַ גוף, דאַרף זיין „שפל רוח בפני כל אדם", וויסנדיק אַז יענער האָט אַ מעלה לגבי אים און ער דאַרף אָנקומען צו יענעם.

ו. די צוויי סוגים התאחדות — „לאחדים" און „כאחד — זיינען תלוי זה בזה: דורך „לאחדים", וואָס אויך אין זייער חיצוניות און אין זייערע פרטיות'דיקע ענינים זיינען זיי פאַראייניקט, קען זיין דער „כאחד", אַז אין זייער פנימיות זיינען זיי אין זאַך (וואָרום אויב בחיצוניות וואָלטן זיי געווען „ענפין מתפרדין", וואָלטן זיי ניט קענען זיין אין זאַך בפנימיות: דער ביטול חיצוני, דאָס וואָס זיי זיינען מקבל זה מזה, איז אַ כלי צום ביטול הפנימי, אַז יעדער איינער איז זיין גאַנצע זאַך ניט ער, נאָר דער ענין הכללי); און דורך דעם וואָס בפני־מיותם זיינען זיי „כאחד", זיינען זיי אויך בחיצוניותם — „לאחדים", און זיי גיבן שלימות איינער דעם אַנדערן[17]. וואָרום אויב די עיקר זאַך פון יעדן איינעם וואָלט געווען זיין ענין הפרטי, וואָלט ער צוליב אָט־דעם פרט — וואָס ער איז זיין עיקר — ניט געדאַרפט אָנקומען צום צווייטן; און נאָר ווייל בפנימיות זיינען זיי אין זאַך, דערפאַר איז אויך אין זייער חיצוניות'דיקער איינטיילונג, דאַרפן זיי מקבל זיין זה מזה.

ז. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס דער ענין פון ערבות האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט זייער כניסה לארץ: דאָס וואָס יעדער איד איז ערב פאַרן צווייטן, איז עס צוליב דעם פנימיות'דיקן פירוש פון „כל ישראל ערבים זה בזה" („ערבים" — אויסגעמישט), אַז אַלע אידן זיינען אויסגעמישט איינער מיטן אַנדערן — די צוויי סוגים התכללות פון אידן, „לאחדים" און „כאחד". און ווייל התכללות בכלל קען זיין נאָר ווען עס לייכט אָן אור עליון[18], און אָט־דער אור עליון האָט מאיר געווען ערשט בכניסתם לארץ, צוליבן משלים זיין די כוונה עליונה פון דירה בתחתונים — „טובה הארץ מאד מאד[19]" — דעריבער האָט זיך דוקא דאַן, מצד דער התכללות פון אידן, אָנגעהייבן דער שלימות הענין פון ערבות[20].

15) מעין מעלת היחוד ד„אחד" לגבי „יחיד".

16) ובדוגמת המבואר (לקמן ע' 1335 ואילך) מעלת „וידעת" (אחדות מצד המטה) על „אתה הראת" (אחדות מצד למעלה).

17) ראה לעיל הערה 14.

18) אגה"ק סי"ב. לקו"ת תזריע כג, ג.

19) נתבאר בארוכה לעיל ע' 1045.

20) ובפרטיות יותר י"ל: קיום התומ"צ והערבות על זה, הוא בהנשמה כמו שנעשית בבחי' מציאות ומלובשת בגוף דוקא, שלכן נוגע זה להתכללות ד„לאחדים", שזה נתגלה בכניסתם לארץ שהיו אז בהתלבשות כו'.

ח. על פי כל הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות צווישן דעם פירוש הפשוט פון „אתם נצבים״ מיטן פירוש הבעש״ט: „אתם נצבים״ — אַז אידן זיינען זוכה בדין, „היום״ — אין דעם טאָג פון ראש השנה:

דורך דעם וואָס „אתם נצבים גו׳ כולכם״ כפירוש הפשוט, אַז יעדער איד איז זיך כולל מיטן כלל ישראל אין אַן אופן פון „לאחדים כאחד״, מען מאַכט ניט קיין חשבונות ווער ס׳איז העכער און ווער נידעריקער; מען גייט אַרויס פון דעם אייגענעם מציאות און מען ווערט אַ טייל פון כלל ישראל — דאַן האָט מען די הבטחה אַז מען איז זוכה בדין, וואָרום כלל ישראל איז דאָך אַודאי און אַודאי גוט, און מען באַקומט אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה.

(משיחות ש״פ נצו״י תשח״י ותשי״ט)

# ראש השנה

א. אויפן פסוק [1]) דרשו הוי׳ בהמצאו, זאָגן רז״ל [2]) „אלו עשרה ימים שבין ראש השנה ליוה״כ״ (דאָס זיינען די צען טעג וואָס צווישן ראש השנה און יום כיפור). אין אַט־דעם לשון פון רז״ל זיינען לכאורה דאָ צוויי ענינים הפכיים: פון דעם אויסשפּראַך „שבין ר״ה ליוה״כ״ איז משמע אַז ראש השנה און יו״כ גייען ניט אַריין אין די עשרה ימים [3]); פון דעם אָבער וואָס די גמרא זאָגט „אלו עשרה ימים״, איז מוכח אַז אויך ר״ה און יו״כ גייען אַריין אין דעם חשבון פון די עשרה ימים, וואָרום צווישן ר״ה און יו״כ זיינען דאָך בלויז זיבן טעג.

מוז מען זאָגן, אַז אין ראש השנה ויו״כ זיינען דאָ צוויי ענינים: זייער עצמיות׳דיקער ענין, וואָס איז ניט דער ענין התשובה, און דער ענין פון תשובה וואָס אין זיי, צוליב וועלכן זיי ווערן אַריינגערעכנט אין די עשרת ימי תשובה. און דער סדר איז, אַז פריער דאַרף זיין די עבודה מצד דעם ענין העצמי פון ר״ה און דערנאָך — די עבודת התשובה פון ראש השנה. דעריבער שטייט דער לשון „עשרה ימים שבין ר״ה כו׳״, ווייל די עבודת התשובה פון ר״ה — וואָס צוליב איר איז ר״ה אין דעם חשבון פון די עשרת ימי תשובה — קומט נאָך דער עבודה פון ר״ה מצד עצמו [4]).

ב. תשובה איז העכער פון אַלע מצוות. וואָס דערפאַר העלפט תשובה צו פאַרריכטן אַלע פגמים פון מצוות, ווייל זי דערלאַנגט העכער ווי אַלע מצוות דערלאַנגען [5]). היינט וויבאַלד אַז מען זאָגט, אַז דער ענין התשובה

---

אך הכח על התכללות זו הוא מצד ההתכללות ד„כאחד״ (כנ״ל סעיף ו), שלכן הכר״ב על זה הוצרך להיות במדבר שהיו בהפשטה, וע״י משה — ביטול דבחי׳ מ״ה. — וראה תניא פ׳ לב.

1) ישעי׳ נה, ו.

2) ר״ה יח, א.

3) ראה בנדו״ז תענית ה, רע״א. בהנסמן בשד״ח כללים ב, עב.

4) וכן ביו״כ — ב׳ ענינים: ענינו העצמי ובחי׳ התשובה שבו, ומהות העצמי דיו״כ הוא החותם של כל עשי״ת. כמו שמבואר להלן ע׳ 1152 ואילך.

5) לקו״ת אחרי כו, ג. דרמ״צ מצות וידוי ותשובה. — וי״ל שמטעם זה לא מנה הרמב״ם תשובה במנין תרי״ג מצות, כי היא נעלית מהם וכוללת אותם, וציווים